# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
A Gefangener In Shpin-Geveb (Fragment Fun A Dertseylung)/ A Prisoner In the Spiderweb (Fragment of a Story)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/3tv4c87v

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

### Author
Moshe Mandlebaum, Moyshe Mandlboym/

### Publication Date
1981

### Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

נישטאָ מער די הייף, די וואַרשטאַטן און שטיבער,
ווו ביים מאַשין האָט געקלונגען גאָלדפאַדנס ליד.
אַ קאָרע פון בלוט איבער חורבות און גריבער,
ווו ס׳האָבן מילגרוימען יידן געבליט!
ס׳האָט מוזיק זיך געוויגט איבער מענטש און פאַרקערט,
געבלוטיקט האָט דאָס ציגעלע אין געשטאַלט פון ייד.
אַ מענטש האָט פאַרשלונגען דאָס געזאַנג מיט אַ טרער —
באַלוינט און באַקרוינט דעם מייסטער פון ליד.

## צום אייביקן

פאַרהיט מיך גאָט
פון פריקרע גראַמען,
אַז איינציק וואָרט
קאָן אויך דערוואַרמען.

אַ בריוו אַ מאָל איבערבייטן,
מאַכט נאָענט דעם מענטש,
איינס צום צווייטן.

כאָטש דו ביסט פון מיר ווייט
און דאָס שוויגן שווער זיך שפּרייט,
אויף קילאָמעטערס טעג
צווישן ביידן,

דאָך נענטער קאָנסטו מיר ניט ווערן,
אַזוי ווי ס׳אויג איז צו מיין שטערן,
ווי דער דופק אונטער מיין הויט —
פורפור רויט!

משה מאַנדלבוים

# אַ געפאַנגענער אין שפּין-געוועב

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער דערציילונג)

אויף דעם מערבדיקן הימל האָט נאָך אין דער טונקלקייט געציטערט דער לעצטער שטערן, וואָס וועט זיך אויסלעשן מיט דעם ערשטן שימער פון דעם פאַרטאָגיק ליכט. אָבער דורך די פאַרהאַנגענע און מיט לאָדנס פאַרמאַכטע פענצטער האָט זיך שוין אַריינגעריסן אין די נאָך שלאָפנדיקע שטיבער דער טומל און געבראַזג פון די אָנפאַרנדיקע פערד און וועגענער מיט די אייזערנע רייפן אַרום די הילצערנע רעדער.

די פויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען מיט זייערע פערד און וועגענער געקומען אָנגעלאָדן פול מיט פאַרם-פּראָדוקטן, מיט געבונדענע חזירים, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט קוויטשען ווי זיי וואָלטן שוין געוווסט, אַז היינט וועלן זיי אַריינפאַלן צו באַליעק דעם חזירניק מיט זיין רויט גראָב אָנגעפּרעסענעם פּנים, וואָס גלאַנצט שטענדיק, ווי עס וואָלט געווען אויסגעשמירט מיט חזיר-פעטס. געבונדענע שעפּסעלעך האָבן רחמנותדיק געמעקעט מיט אַ וויינענדיק קול, ווי זיי וואָלטן שוין געזען פאַר זיך דעם שיינעם הדרת-פּנים פון ר׳ שלום דעם שוחט מיט זיין בלאַנק חלף אין האַנט, גרייט צו שניידן זייער מיט זיידענעם וואָל-באַוואַקסענע העלדזער. אויך האָט זיך דורך די פאַרהאַנגענע און מיט לאָדנס פאַרמאַכטע פענצטער געהערט דאָס טרעמפּלען פון

די שוואַרצע טריט פון די בהמות, געטריבן צום מאַרק־פּלאַץ פון פּויערים מיט געשרייען און הילכיקן געקנאַק פון לאַנגע בייטשן, קולות פון געבונדענע עופות, וואָס פּויערטעס פון די נאָענטע דערפער האָבן געטראָגן אין קוישן.

דער טומל און די געשרייען האָבן אויפגעוועקט פון שלאָף די סוחרים און הענדלערס און זיי דערמאָנט, אַז היינט איז דאָנערשטיק, דער מאַרק־טאָג אויף וועלכן מ׳וואַרט אַ גאַנצע וואָך. זענען זיי אַרויס פון די בעטן, אויף גיך אָפּגעגאָסן נעגלוואַסער, שנעל זיך אָנגעטאָן און היינט נישט געגאַנגען אין בית־מדרש דאַוונען נאָר אויף גיך אַ כאַפּ געטאָן אויף זיך דעם טלית און תפילין און אין שטוב אָפּגעדאַוונט און אין איילעניש אַרויסגעלאָפן צום מאַרק־פּלאַץ.

כאָטש עס איז נאָך גאַנץ פרי, איז דער גן־ויסער מאַרק־פּלאַץ שוין איבערפילט מיט פערד און וועגענער, פּויערים און פּויערטעס, און די יידישע שניידערס, שוסטערס, בלעכערס, און אַנדערע, האָבן שוין אויפגעשטעלט זייערע געשטעלן, אויסגעהאנגען, אויסגעשטעלט און אויסגעלייגט זייערע סחורות.

באַליעק דער חזירניק, וואָס האָט זיין חזיר־פלייש געוועלב אין איינעם פון די ווייסע מויערן אַרום דעם מאַרק־פּלאַץ באַלד לעבן דעם מאָנאָפּאָל, גייט שוין אַרום צווישן די פערד און וועגענער מיט זיין רויט־גלאַנציקן פּנים. באַליעק איז נישט גלאַט אַזוי עפּעס אַ גוי אַ חזירניק, ער איז „פּאַן באַליעק”, דער אָנגעזעענסטער בירגער אין שטאָט. ער איז דער הויפּט פון דער פרייוויליקער פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע. אין אַ פּאַראַד לכבוד דעם גובערנאַטאָר מאַרשירט ער מיט אַ פּאַרריסענעם קאָפּ פּאָרויס די גאַנצע פייערבריגאַדע אין זיין קאָלירפולן אוניפאָרם מיט דעם שיינענדיקן מעשענעם הוט אויף זיין פּאַרריסענעם קאָפּ. מיט זיין גלאַנציק רויטן פּנים זעט ער אויס און ער האַלט זיך ווי אַ הויכער גענעראַל פון אַ פאַרצייטיקן רוימישן לעגיאָן. איצט זוכט ער און טאַפּט די געבונדענע חזירים אין די וועגענער, שרייט און דינגט זיך און שלעפּט די געקויפטע חזירים, וואַרפט זיי אויף זיינע ברייטע, געזונטע פּלייצעס.

יידן קצבים באַטאַפּן די געבונדענע שעפּסן, די בהמות, מ׳שרייט, מ׳דינגט זיך, מ׳קלאַפּט איינער דעם אַנדערן אין די הענט ביז מ׳ווערט מושווה, מ׳אייניקט זיך אויף אַ פּרייז. אויך ביי די געשטעלן פון די יידישע בעלי מלאכות גייט אָן אַ טומלדיקער האַנדל. מ׳דינגט זיך איבער דעם פּרייז פאַר אַ פּאָר הויזן, פאַר אַ פּאָר שטיוול, פאַר אַ היטל, פאַר אַ בלעכענער קוואָרט. אויך די באַלעבאָסטעס האָבן פאַרלאָזן זייערע הייזער און זענען דאָ אויף דעם יריד, זוכן צו קויפן ביי אַ פּויערטע אַ עוף אויף שבת, אַ טוצן אייער, ציבעלעס, פרישע יונגע רויטע בוריקלעך.

ס׳איז שוין באַלד אַ האַלבער טאָג אַוועק. שפּעט געקומענע פּויערים פון ווייטע דערפער מוזן זיך שטעלן מיט זייערע פערד און וועגענער ביים אָנהייב אין ווייטערדיקע גאַסן, וואָס ציִען זיך פון גרויסן מאַרק־פּלאַץ. אויך ביי די שטענדיקע מאַרק־זיצערס איז דער טומל גרויס. זיי רופן אויס זייער סחורות, ווייסע געפלאָכטענע קוילעטשעס, צוקער־געבעקסן און אַלערליי צוקערוואַרג — אַלץ זאַכן וואָס די פּויערים אין די דערפער האָבן נישט.

דער טומלדיקער האַנדל איז איצט אין פולן ברען.

די באַלעגאָלעס, די טרעגערס שטייען אויף זייער שטענדיק אָפּגעטיילטן פּלאַץ מיט זייערע בריטשקעס און דראָשקעס און וואַרטן אויף פּאַסאַזשירן צו פירן צו דער צוויי־אַזייגער־בייטאָגיקער באַן. די טרעגערס אַרומגעגאַרטלטע מיט זייערע שטריק וואַרטן גערופן צו ווערן פון די גרויסע געוועלבער, וואָס אין די ווייסע מויערן אַרום ז׳עם מאַרק־פּלאַץ, צו טראָגן פינף־פּודיקע זעק מעל אָדער זאַלץ און אַנדערע שווערע משאות (מאַסעס), שטייען נישט שטיל, רעדן, טומלען, שרייען איבער איינער דעם אַנדערן. דער גרויסער ברוך מאָטיע, דער שטאַרקסטער און גרעסטער פון אַלע טרעגערס, חוזקט גוטמוטיק פון קליינעם מלאך, אַז ווען יענער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס איינגעבויגן אַ לאַנגן פינף־פּודיקן זאַק מעל ווערט ער פאַרשוווּנדן, מ׳זעט אים נישט אַרויס. דער קליינער מלאך פליט מסתמא אַרויף אין הימל, וואָרן מ׳זעט נאָר ווי אויף דער

מיט גאַס גייט אַ לאַנגער זאַק מעל אויף צוויי שווער באַשטיוולטע גראָבע פיס...

אַלע צעלאַכן זיך הויך, נאָר ר׳ שמואל דער בעל-עגלה, אַ ייד אַ בן-תורה, שטראָפט, זיצנדיק אויף זיין בריטשקע, דעם גרויסן ברוך מאָטיען, אַז ער דאַרף נישט חוזקן פון ר׳ מלאכן, וואָס איז אַן ערלעכער ייד. אָבער ברוך מאָטיע בלייבט קיינעם נישט שולדיק קיין ענטפער און זאָגט צו ר׳ שמואלן און צו אַלע אַרום אים: „הערט יידן! הערט וואָס איך ברוך מאָטיע דער טרעגער זאָגט אייך. עס וועט קומען אַ צייט, ווען מ׳וועט אַמאָל דערמאָנען מיין נאָמען, וועט מען זאָגן: ברוך מאָטיע זכרונו לברכה!"

— אָט האָט איר אַ נייעם צדיק! רופט אויס איינער און אַלע צעלאַכן זיך.

עס איז שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג. די מערסטע פויערים האָבן שוין אויספאַרקויפט זייערע פּראָדוקטן, זייערע בהמות, שעפּסן און חזירים. די בעטלערס, וואָס זיצן אויף דער ערד אָנגעשפּאַרט ביי די ווענט נאָענט צום אַריינגאַנג פון דעם מאָנאָפּאָל און באָליעקס חזיר-געוועלב, באַהאַנגען מיט אַלטע בלעכענע צלמים און קאָלירטע פּאַטשערקעס, ברייטע, טיפע טאָרבעס, זענען שוין הייזעריק פון זינגען זייערע מאָליטוועס. זיי הערן נישט אויף זיך צלמען, פּרעפּלען און בענטשן די וואָס וואַרפן אַריין אַ מטבע אין די היטלען וואָס ליגן אויף דער ערד ביי זייערע פיס. פויערים לויפן אַריין און אַרויס פון דעם מאָנאָפּאָל און פון פּאַן באָליעקס חזיר געוועלב, גיסן דעם אָקאָוויט פון די פלעשער גלייך אין גאָרגל אַריין און גריזשען פון די האַרטע קישקעס חזיר-וורשטן. די פלעשער ווערן אויסגעליידיקט, מ׳האַקט די פלעשער אין צעבלוטיקטע קעפּ, די געשרייען און געוואַלדן ווערן אַלץ גרעסער און העכער און די אַלטע דזשאַדעס, די בעטלערס הערן נישט אויף זיך צלמען און זינגען הייזעריק זייערע מאָליטוועס, ווילן איבערשרייען, פאַרזינקען די ווילדע קולות פון די געשלעגן.

אין דעם גיהנום-יריד פּלאָנטערט זיך נאָך פון גאַנץ פרי צווישן די שיכורע און האַלב-שיכורע פויערים מיט זייערע פערד און וועגענער ר׳ זלמן אין זיין לאַנגן כאַלאַט, די פּאות באַהאַלטן הינטער די אויערן. האָט דען נישט אַ שיכורער גוי אויסגעריסן אַ האַלבע פּאה ביי דעם קליינעם ר׳ יאָסעלע דעם שוסטער, ווען דער גוי האָט זיך מיט אים געדונגען איבער דעם פּריז פאַר אַ פּאָר שטיוול?! ער זוכט נאָך אַלץ, ר׳ זלמן, עפּעס מיט וואָס ער זאָל קענען מאָרגן פרייטיק אַריינפירן דעם שבת קודש אין שטוב אַריין. ער האָט שוין אפילו צוויי מאָל שיער געהאַט אויסגעדונגען אַ זעקל ווייץ ביי אַ פּויער און אַ זעקל האָבער, וואָס ער וואָלט געקענט פאַרקויפן צו באַלעגאָלעס פאַר זייערע פערד, אָבער פלינקערע הענדלערס האָבן אים איבערגעכיטרעוועט און אויסגעכאַפּט.

וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? — עגבערט אים אין מוח. פון דעם ביסל ווייץ, וואָס זיין ווייב נעכע די ווייץ-מאַכערין פאַרקויפט פרייטיק לכבוד שבת אויף קידוש און הבדלה, איז נישטאָ גענוג אפילו די וואָך איבערצוקומען, אָבער שבת! געוואַלד שבת!... דער טומל, די געוואַלדן, די געשרייען, די געשלעגן פון די פויערים צעשטערן און צעריסן זיינע טרויעריקע מחשבות. זיין קאָפּ איז שוין סיי ווי פאַרטומלט פון אַ גאַנצן טאָג אַרומפּלאָנטערן זיך אין דעם גיהנום און ער זוכט אַ וועג זיך אַרויסצוראַטעווען. אַלע גאַסן וואָס ציען זיך פון דעם גרויסן מאַרק-פּלאַץ זענען נאָך פאַרשטעלט פון די פויערים מיט זייערע פערד און וועגענער. ער דערמאָנט זיך אין איין גאַס, וואָס דאָרט שטעלן זיך די פויערים קיין מאָל נישט כאָטש אויך די גאַס הייבט זיך אָן פון דעם גרויסן מאַרק-פּלאַץ, אפשר ווייל איר אָנהייב איז שמאָל, נישט ברייט גענוג פאַר צוויי וועגענער און אפשר ווייל דאָס בלעכל מיט דעם נאָמען פון דער גאַס לייענט זיך „באָזשניצני פּערעאולאָק". ווער ווייסט? יידן רופן זי „דער שול-הויף", ווייל באַלד נאָך די ערשטע הייזער ווו די גאַס ווערט ברייט, שטייט אויף איין זייט די גרויסע מאַסיוו-געמויערטע שול מיט די ברייטע ווענט, אַזוי ווי להבדיל אַ גרויסער, אַלטער, פון האָלץ געבויטער פעסטונג, און באַלד אַנטקעגן שטייט דער בנין, דער באַרימטער „אַלטער בית מדרש."

ווייטער אַראָפּ באַרג שטייט דער הקדש, ווו עס האַלטן זיך אויף דורכגייענדיקע

בעטלערס, וואָס מען ווייסט נישט פון וואַנען זיי קומען און ווו זיי גייען, און פרייטיק לאָזן זיי זיך אַרויס איבערן שטאָט, איבער די הייזער, בעטלען. נאָך ווייטער אַראָפּ באַרג שטייט די באָד און די מקווה שוין ביים קלאָר שטייענדיקן וואַסער פון דער „סטרוגאַ“, ווו די גאַס ענדיקט זיך און די הילצערנע בריק איבער דעם טייך פאַרבינדט די גאַס מיט די פעלדער וואָס ציען זיך ביז אין ווייטן האָריזאָנט.

דאָס גאַנצע יידישקייט האָט זיך באַזעצט אין אָט דער גאַס, איז קיין ווונדער נישט פאַרוואָס יידן רופן זי „דער שול־הויף“. אויך דער אַלטער בית־עולם, וואָס איז שוין פון כמה וכמה יאָרן פאַרפולט, הייבט זיך אָן ביים סוף פון דער גאַס לענג אויס דער צווייטער זייט פון דער „סטרוגאַ“ און שפּרייט זיך אויס איבערן פעלד.

ווען ר׳ זלמן איז ענדלעך אַרויס פון דעם טומלדיקן גיהנום און איז דורך דעם שמאָלן אַריינפאָר אַריינגעקומען אין שול־הויף האָט ער זיך געפילט ווי אַ געראַטעוועטער. דער רעש און טומל גרייכט נישט אַהערצו. דאָ הערשט אַזאַ רויִק געמיט. דורך די אָפענע פענצטער פון דער ישיבה אין דעם שניידער ש־לכל, וואָס איז אַ טייל פון דער גרייסער שול, פלייצט אַ געמיש פון פאַרשידענע יונגע קולעכלעך. דורך די אָפענע פענצטער פון דעם אַלטן בית־מדרש שטראָמט אַ פיל קאָלירטער גמרא־ניגון פון די בחורים, די לערנערס וואָס זיצן ביי די לאַנגע טישן. דער שול־הויף איז פול מיט תורה־ניגון, מיט אַ הייליקן געזאַנג. אפילו דער דינער קלאַנג פון אַ האַמער אויף אַ קאַוואַדלע, וואָס טראָגט זיך אַהער פון ראובן קאָוואַלס קוזשנע, אַ דריי־פיר גאַסן פון דאַנען, מישט זיך אויס און ווערט אַ טייל פון דעם וואַרעמען און הייליקן געזאַנג אַזוי ווי אַ הייליקע סימפאָניע...

ר׳ זלמן געפינט זיך איצט אין אַן אַנדער וועלט, אין זיין וועלט, און ער ציט אַרויס די באַהאַלטענע פאה פון הינטער די אויערן. אָבער ער איז שטאַרק פאַרמאַטערט פון אַרומשפּאַנען אַ גאַנצן טאָג אין דעם רעש און טומל צווישן פערד און וועגענער מיט דעם ליאַרעמדיקן האַנדל און ווילדע געשרייען. ער האַלט זיך קוים אויף די פיס. אַהיים גיין איז שוין צו שפּעט, מען דאַרף שוין באַלד גיין דאַווענען מנחה און מעריב. ער וואָלט אַריינגעגאַנגען אין אַלטן בית־מדרש זיך אַוועקזעצן אין אַ זייט אויף אַ באַנק, אָבער ביי איינעם פון די לאַנגע טישן מיט די לערנערס זיצט אויך זיין זון און לערנט. קען ער נאָך אָפּווענדן דעם זון פון לערנען. און אפשר וועט גאָר דער זון אים פרעגן וואָס ער האָט היינט עפּעס אויפגעטאָן אויף דעם יריד, וואָס וועט ער אים קענען ענטפערן? באַשליסט ער בעסער אַריינגיין אין שול. אין שול איז נאָך איצט קיינער ניטאָ און ביז יידדן וועלן קומען צו מנחה־מעריב וועט ער דערווייל זיך אַוועקזעצן ביי אַ שטענדער אָפּרוען די פיס און אַרויסלאָזן דעם טומל און רעש, וואָס האָט זיך היינט אָנגעזאַמלט אין זיין קאָפּ.

* * * * *

ר׳ זלמנס זון, אברהם יצחק, זיצט אין אַלטן בית־מדרש ביי איינעם פון די לאַנגע טישן. זיין גמרא־ניגון ביים לערנען לאָזט זיך קוים הערן. ער לערנט שטיל, פאַרטראַכט, נישט אַזוי ווי די אַנדערע, וואָס זייער ניגון טראָגט זיך דורך די אָפענע פענצטער פון בית־מדרש אין דרויסן אַרויס. ער לערנט אַזוי ווי פאַר זיך, אין זיך. טייל מאָל בלייבט ער זיצן פאַרטראַכט, שטיל, קוקט מיט ברייט צעעפנט אויגן אַרויף צום גרויסן מעשענעם, גלאַנציקן הענג־לייכטער מיט די לאַנגע אויסגעפלאָכטענע ליכט־רערן וואָס הענגט אַנטקעגן דעם אָרון־קודש. די לערנער אַרום אים ווייסן, אַז אַברהם יצחק איז שטיין געבליבן ביי אַ שווערן ענין, אָבער ער וועט זיך אַרויספּלאָנטערן. ער וועט נישט לויפן מיט דער אָפענער גמרא אין די הענט צום אַלטן ר׳ זושע אַזוי ווי די אַנדערע, אַז ער, ר׳ זושע, זאָל זיי אויפקלערן, מסביר זיין אַ שווערן ענין. ער אברהם יצחק, האַלט זיך שוין פאַר אַ גרויסן קענער— סודען זיך די לערנערס אַרום אים.

דער אַלטער ר׳ זושע קומט יעדן פרימאָרגן דער ערשטער אין אַלטן בית־

מדרש און גייט אַהיים דער לעצטער, ווען דער שמש לאָזט אים וויסן אַז ער גייט שוין פאַרמאַכן דעם בית־מדרש. ער זיצט ביי דער טיר ביים סאַמע עק פון אַ לאַנגן טיש באַלאַגערט מיט ספרים און גמרות, איינגעהילט אין זיין אַלטן ברוינעם כאַלאַט מיט צוויי פּאָר ברילן אויף די אַלטע מידע אויגן. טאַפּט מיט די פינגער פון איין האַנט אויף אַ גמרא־בלאַט ווי ער וואָלט געוואָלט אָנטאַפּן די אותיות, וואָס ער דערזעט נישט. די פינגער פון דער צווייטער האַנט זענען אַזוי ווי אַ קאַם אַריינגערוקט אין זיין גרוי שיטער בערדל, ציען אַרויס זילבערנע האָר און באַהאַלטן זיי אין אַ ספר. לערנערס קומען צו אים מיט זייערע אָפענע גמרות, ער זאָל פאַר זיי מסביר זיין אַ שווערן ענין, וואָס ער טוט מיט גרויס פאָטערלעכער ליבשאַפט; פאַטשט מיט די ליפן פון ליידיקן מויל אָן ציין, אַז עס איז שווער צו פאַרשטיין וואָס ער זאָגט. אָבער די לערנערס זענען שוין צוגעוווינט צו זיין אַרט רעדן.

אַנדערע סודן זיך, אַז ווען אברהם יצחק קוקט פאַרטראַכט מיט זיינע ברייט צעעפנטע אויגן אַרויף צום הענגלייכטער, איז ער סתם מפסיק אין לערנען, טראַכט שלעכטע מחשבות, אפשר זינדיקע מחשבות, זענען זיי חושד. ווייל איין מאָל ווען ער איז אַזוי געזעסן און געקוקט אַרויף צום הענגלייכטער, האָט ער געזען ווי פון איינעם פון די רערן הענגט אַראָפּ אויף אַ דינעם שפּינוועב אַ פליג, אַ טויטע פליג, וואָס איר בלוט האָט דער שפּין אויסגעזויגן און די פליג האָט זיך אין זיינע אויגן פאַרוואַנדלט אין אַ — מענטש. . . „אַ מענטש הענגט אַראָפּ פון דעם הענגלייכטער!“ — האָט ער געשריגן. „אַ מענטש! נעמט אים אַראָפּ!“

שלום לייב, וואָס איז געזעסן ביים זעלבן טיש נישט ווייט פון אים, פאַרטיפט אין לערנען, האָט זיך פון דעם געשריי אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער, צוגעלאָפן צו אים און געפרעגט: וואָס שרייסטו? וועמען אַראָפּנעמען?

אברהם יצחק האָט נאָך אַלץ געקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן אויף דער הענגענדיקער פליג און געוויזן מיט אַ ברייט צעעפנטער האַנט אַרויף: „זעסטו דען נישט? אַ מענטש הענגט, אַ מענטש!“

שלום לייב האָט אים אַ מונטער געטאָן ביים אַקסל: „ביזט משוגע צו אַלדע רוחות — אַ פליג הענגט, אַ פליג! דער שמש וועט זי אַראָפּנעמען.“

אברהם יצחק האָט אַראָפּגעלאָזט זיין אויפגעהויבענע האַנט און זי געלייגט אויף דער אָפענער גמרא וואָס פאַר אים אויפן טיש; מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געריבן זיין שטערן און די פאַרמאַכטע אויגן און געמורמלט: „עס האָט דאָך אויך געקאָנט זיין אַ מענטש, אַ מענטש“. . .

שוין דערשינען • דאָס נייע בוך

באַגינען

פון דעם באַקאַנטן יידישן שרייבער און פריערדיקן רעדאַקטאָר פון „חשבון“

אַריה פּאַזי

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן פון דעם
י. ל. פּרץ פאַרלאַג אין ישראל

מיט דער הילף פון דעם
יידישן קולטור קלוב
אין לאָס אַנדזשעלעס

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.
אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר